**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/29/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט $7.3 מיליאן יעצט אוועילעבל אין לעצטיגע רונדע פון ענווייראנמענטלע גערעכטיגקייט קאמיוניטי אימפאקט גרענטס**

***גרענט געלעגנהייט עפנט זיך אפריל 29 צו אדרעסירן ענווייראנמענטאלע זארגן אין געמיינדעס וואס ווערן די מערסטע באווירקט דורך פארפעסטיגונג און קלימאטן טויש***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן די אוועילעביליטי פון $7.34 מיליאן אין ענווייראנמענטאלע גערעכטיגקייט קאמיוניטי אימפאקט גרענטס צו העלפן די געמיינדעס וואס זענען די מערסטע אויסגעשטעלט צו די אימפאקטן פון פארפעסיגונג און קלימאטן טוישן אדרעסירן ענווייראנמענטאלע זארגן און לעגאסי פארפעסטיגונג. גרענטס וועלן שטיצן קאמיוניטי-באזירט ארגאניזאציע פראיעקטן וועלכע נעמען אריין זייערע געמיינדעס ארום ענווייראנמענטאלע גערעכטיגקייט אנגעלעגנהייטן און נוצן קאמיוניטי-געטריבענע לעזונגען.

"ניו יארק טוט פארזעצן צו צייגן איר אומאויפהערליכע פארפליכטונג צוצושטעלן די הילפסמיטלען נויטיג צו אדרעסירן די ענווייראנמענטאלע, פובליק געזונטהייט און עקאנאמישע שטרויכלונגען וועלכע אפעקטירן שוואכע געמיינדעס," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די נייע פינאנצירונג וועט דירעקט העלפן קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס אדרעסירן לאקאלע זארגן און אנטוויקלען לעזונגען און שותפות'ן מיט די סטעיט צו פארבעסערן קוואליטעט פון לעבן, פארבעסערן לופט קוואליטעט, און העלפן פארזיכערן א מער ריינע, גרינע צוקונפט."

די פינאנצירונג ווערט פארפיגט דורך די סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע שפארונג (Department of Environmental Conservation, DEC) און צוגעשטעלט דורך די סטעיט'ס ענווייראנמענטאלע באשיצונג פאנד (Environmental Protection Fund, EPF) אלץ טייל פון ניו יארק'ס ווירבלדיגע ענווייראנמענטאלע גערעכטיגקייט אגענדע. זינט 2006, האט DEC שוין ארויסגעגעבן אומגעפער $15 מיליאן אין קאמיוניטי אימפאקט גרענטס צו קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס פאר פראיעקטן וועלכע נעמען אריין געמיינדעס ארום ענווייראנמענטאלע גערעכטיגקייט אנגעלעגנהייטן און נוצן קאמיוניטי-געטריבענע לעזונגען. קאמיוניטי-באזירטע ארגאנזיאציעס קענען זיך איינגעבן צו באקומען ביז צו $100,000 אין פינאנצירונג פאר פראיעקטן וועלכע אדרעסירן ענווייראנמענטאלע און פובליק געזונטהייט זארגן פון איינוואוינער אין אפעקטירטע געגענטער.

**דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע קאנסערוואציע אינטערים קאמיסיאנער סיען מאהאר האט געזאגט,** "אונטער די פירערשאפט פון גאווערנער האקול, איז DEC שטאלץ צו העלפן קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס און פראגראמען וועלכע טוען אקטיוו ארבעטן דירעקט אין זייערע קאמיוניטיס צו פאראויס שטופן ענווייראנמענטאלע גערעכטיגקייט. די געלטער וועלכע ווערן געמאכט אוועילעבל היינט וועט העלפן פראיעקטן וועלכע פארבעסערן לופט קוואליטעט, אינוועסטירן אין עקאנאמישע וואוקס, און פארבעסערן די אלגעמיינע וואוילזיין פון ניו יארקער אין ענווייראנמענטאלע גערעכטיגקייט אדער שוואכע

געמיינדעס און ערמוטיגן די געמיינדעס צו אנטוויקלען געדאנקען וואס טוען שטארק אדרעסירן סיי לאנג-טערמיניגע און אנטוויקלנדיגע ענווייראנמענטאלע אנגעלעגנהייטן."

ענווייראנמענטאלע גערעכטיגקייט איז די גלייכע און באדייטנדפולע באהאנדלונג פון אלע מענטשן, אפגעזען פון ראסע, געהאלט, נאציאנאלע אפשטאם אדער קאליר, אנבאלאנגט צו די אנטוויקלונג, איינפירונג, און אינפארסירונג פון ענווייראנמענטאלע געזעצן, רעגולאציעס און פאליסיס.

בארעכטיגטע פראיעקטן דארפן אדרעסירן א קאמיוניטי'ס אויסשטעל צו מערערע ענווייראנמענטאלע שאדן און ריזיקעס און אריינרעכענען א נייע פארשונג טייל וועלכע וועט ווערן גענוצט צו פארברייטערן די ויסנשאפט פון די אפעקטירטע געמיינדע. פריערדיגע פראיעקטן געגעבן דורך DEC נעמען אריין פובליק מיטטיילנדע סייענס, קאמיוניטי-געטריבענע וואסער און לופט קוואליטעט אפשאצונג, אורבען פארמינג, האביטעט צוריקער, בוים פלאנצונגען, קאריקיולום אנטוויקלונג, גרינע אינפראסטרוקטור אינסטאלאציע, און נאך. א ליסטע פון אלע פריערדיגע באצאלטע פראיעקטן און זייער פראיעקט שילדערונגען זענען אוועילעבל אויף [Open Data NY](Open Data NY).

בארעכטיגטע קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס זענען די וואס געפונען זיך אין די אפעקטירטע ענווייראנמענטאלע גערעכטיגקייט אדער שוואכע געמיינדע, סערווירן די איינוואוינער פון א געגענט גלייך צו אדער קלענער ווי די פון די פינף בארא אינערהאלב ניו יארק סיטי, און האבן א סך הכל איינקונפט ווייניגער ווי $3 מיליאן.

פינאנצירונג פאר די גרענטס איז א וויכטיגע טייל פון גאווערנער האקול'ס אנגייענדע פארפליכטונג צו העלפן געמיינדעס ווערן שטערקער, אריינגערעכנט דורך סייענס-באזירטע פארשונג און אוטריטש באמיאונגען. די 2024-25 ענעקטעט סטעיט בודשעט האלט EPF פינאנצירונג ביי $400 מיליאן, די העכסטע שטאפל פון פינאנצירונג אינעם געשיכטע פונעם פראגראם. אין צוגאב צו העלפן ענווייראנמענטלע גערעכטיגקייט מיט $13 מיליאן איז די EPF א קריטישע רעסורס פאר ענווייראנטמענטלע פראגראמען אזויווי קויפן לאנד, פארמלאנד שוץ, פארמיידן שעדליכע שרצים און זיי אויסמעקן, צוטריט צו רעקריעישאן, און וואסער קוואליטעט פארבעסערונג. די EPF ארבעט מיט אנדערע היסטארישע סטעיט פארפליכטונגען אריינגערעכנט די פאדערונגען אז 35 פראצענט, מיט א ציל פון 40 פראצענט, פון אינוועסטירונגען פון סיי די קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט און די $4.2 ביליאן ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראנמענטאלע באנד אקט פון 2022 וועלן בענעפיטירן שוואכע געמיינדעס.

מען וועט אננעמען אפליקאציע אנגעהויבן מאנטאג, אפריל 29, 2024. דער דעדליין אריינצוגעבן אפליקאציעס איז 3 נאכמיטאג EST אום אוגוסט 7, 2024. פאר א פולע ליסטע פון אנווייזונגען און מער אינפארמאציע, פארבינדט זיך מיט DEC'ס אפיס פון ענווייראנמענטאלע גערעכטיגקייט אויף 518-402-8556, [justice@dec.ny.gov](mailto:justice@dec.ny.gov), אדער אנליין אויף DEC'ס ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט וועבזייטל. פראגעס וועגן די גרענט געלעגנהייט וועט ווערן אנגענומע ביזן שלוס פון ביזנעס יולי 24, 2024. אפליקאנטן ווערן פארלאנגט זיך צו רעגיסטרירן און קוואליפיצירן פון פאראויס אין דעם סטעיטוויידע פינאנציעלע סיסטעם (Statewide Financial System, SFS) גרענטס אנפירונג פריקוואליפיקאציע בלעטער איידער זיך איינגעבן. איינמאל רעגיסטרירט און קוואליפיצירט פון פאראויס, קענען ארגאניזאציעס זיך איינגעבן פאר די גרענט אין SFS. פולע בארעכטיגונג קריטעריע, אנווייזונגען און אפליקאציע זענען אוועילעבל אנליין אויף די סטעיטווייד פינאנציעלע סיסטעם וועבזייטל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן